ДЕРЪ ВЕГЪ. № 118. DER WEG.

# דער וועג

## אבענד-בײלאגע.

ווארשא, זונטאג, י"ז סיון. פרייז 1 קאפ. 10 Czerwca (28 Мая) 1906 г.

## בעגרענעצט דעם אויסלענדישען קרעדיט איבער די אונרוהען אין רוסלאנד. — געשאסען אין טיפליסער פאליצמייסטער. — דער מאסקווער גראדאנאטשאלניק מאכט א פירוש צום מאניפעסט פון די דעפוטאטען ארבייטער.

**ווארשא** 10-טען יוני.

(אצ). דער מאמענט איז ווידער אנאנגעשטרענגטער. אין דער לופט הענגט עפּעס גרויזאמעס. לייענט איבער די טעלעגראמען, וועלכע זענען געדרוקט ביי אונז היינט אין דערפריה, — די אבטיילונג „אין דארף“. — בלוט און פייער — דאס זענען די צוויי ווערטער, מיט וועלכע מען קאן כאראקטעריזירען די לאגע צווישען די פויערן. דאס דארף ריהרט זיך ווידער אמאל. דער ריזע, דער רוסישער פויער, בעוועגט זיך, און די גאנצע רוסישע ערד הויבט-אן צו ציטערן.

אין פעטערהאף פאנגט מען אן, על כל פנים, א ביסעל צו פערשטעהן די ערנסטקייט פון דעם מאמענט. עס געהען קלאנגען, וועלכע האבען, ווי עס שיינט, אונטער זיך א געוויסען גרונד, אז דאס מיניסטעריום געהט-אראב אין דימיסיע. מען טאר נישט מיינען, אז, חס וחלילה, דערפאר, וואס די דומא האט איהם אויסגעדרוקט איהר מיסטרויען. מיט אזוינע קלייניגקייטען זענען אונזערע ביוראקראטען נישט געוואוינט זיך צו רעכענען. ווי עס זעהט אויס, האט מען זיך אין פעטערהאף א ביסעל דערשראקען פאר דעם פייערבארג, וואס האט ווידער אנגעפאנגען זיך צו רויכען, — פאר דער אגרארער בעוועגונג. און אפשר נאך מעהר האבען געווירקט אויף די שטימונג פון די הויכע ספערען די פינאנסיעלע אנגעלעגענהייטען. די אויסלענדישע באנקירען, וועלכע האבען געלעגט געוויסע האפנונגען אויף די דומא, זענען ווידער געווארען זעהר פעסימיסטיש און ווילען נישט געבען קיין געלד. אין פעטערבורג פערזיכערט מען, אז וויטע שיקט פון אויסלאנד זעהר טרויעריגע טעלעגראמען.

די טעלעגראפען-אגענטורען רופען-אן צוויי נעמען, אלס נאָרעמיקינ'ס יורשים. דאס זענען — סטישינסקי און קאקאווצעוו. איינער פון זיי דארף, כלומרשט, ווערען פרעמיער-מיניסטער. די איבריגע מיניסטארען וועלען, ווי די טעלעגראמען לויטען, אויסגעקליבען ווערען פון די דומא-דעפוטאטען. אין די ערשטע העלפט פון די דאזיגע מעלדונגען קאנען מיר זעהר גוט גלויבען. מיר קענען אונזער ביוראקראטיע, און מיר וויסען, אז ביי איהר קאן זיין רעכט צו מאכען פאר פרעמיער אין אזא ערנסטע מינוט דעם זעלבען נאָרעמיקין אין געשטאלט פון סטישינסקי אדער קאקאווצעוו.

אבער שווער איז אונז צו גלויבען, אז אין דומא זאלען זיך געפינען דעפוטאטען, וועלכע זאלען וועלען זיין מיניסטארען אין א קאבינעט, אן דער שפּיץ פון וועלכען עס וועט שטעהן א מיטגליעד פון דעם מיניסטעריום, וואס די דומא האט איהם אויסגעדריקט איהר מיסטרויען. ערשט פאר א פאר טעג האט די דומא בעגעגענט סטישינסקי'ן מיט געשרייען: „אין דימיסיע!“ ווער-זשע וועט זיך וועלען ערנידריגען צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען?

## רוסישע נייעס.

— אין זשיטאמיר האט א נאראדאוואי דערשאסען א מיידעל, וואס איז געלעגען און געשלאפען, בעת אין הויז איז געווען א רעוויזיע. דערשאסען האט ער זי לויט דעם בעפעהל פונ'ם געהילף-קאמיסאר.

— די סאלדאטען פונ'ם נעווער פאלק אין וואראָנעזש האבען זיך אבגעזאגט צושטעהן אויף דער ווארט, זאגענדיג, אז זיי האבען שוין מעהר קיין כח נית אויסצוהאלטען.

## אגרארע אונרוהען.

אין אופער גובערניע דאקען אויס די פויערן די וועלדער פון די גוטבעזיצער. אין איניגע ערטער זענען געווען בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען די פויערן און די סטראזשניקעס.

— אין קאזאנער גובערניע פערגרעסערן זיך די אגרארע אונרוהען. עס זענען געווען צוזאמענשטויסען מיט קאזאקען. די פויערן זענען געווען בעוואפענט.

— אין פאלטאווער גובערניע ווערען פערשפּרייט פּראקלאמאציעס צווישען די פויערן, וואס ארבייטען ביי די גוטבעזיצער, אז זיי זאלען ביי נאכט נית שלאפען אין די שפייכלערס, וואס געהערען די גוטבעזיצער, ווייל מען וועט זיך אין גיכען נעהמען צו ברענען זיי.

— די ווילנער ערד-באנק האט אויפגעהערט צו לייהען געלד אויף אימעניעס פון די גוטבעזיצער.

— אין אדעסער ראיאן קומען פאר גרויסע מיטינגען פון פויערן, אויף וועלכע עס ווערען בעהאנדעלט פערשידענע פאליטישע פראגען, בעזאנדערס איבער די אגראר-פראגע.

— אין פטערער נבערניע קימען פאר אנראריע אינרוהען.

— אין יעקאטרינאסלאווער גובערניע גערען ארום אגיטאטאָרען אין די דערפער און צוגעבען פראקלאמאציעס, אין וועלכע עס ווערט גערופען צו שלאגען אינטעליגענציע און יודען.

## בהמות — טייערער פון סאלדאטען.

„ריעטש מעלדעט, אז דער קאמאנדיר פון'ם 12 סיבירער פאלק האט בעקומען אזא מין טעלעגראמע: די בהמות, וואס ווערען אויס קראנק צו זיין מיט טשומא ערלויב איך צו געבען עסען די סאלדאטען, כדי עס זאל ניט זיין קיין שאדען דער „קאזנא“. איך בעט מודיע זיין וויפיעל בהמות זענען קראנק“.

## ערשט דערוואוסט זיך!

ס'איז נישטא אין רוסלאנד קיין מענש, וואס זאל ניט וויסען, אז דער גרעסטער טייל פון די פאליטישע, וואס ווערען ארמיניסטראטיוו ארעסטירט און געפייניגט, איז אין גאנצען נישט שולדיג און איז קיין שום פאליטישע פערברעכען נישט בעגאנגען. די אדמיניסטראציע אבער האט זיך ערשט דערוואוסט פון דעם. איינער א פעטערבורגער פראקוראר האט, לויט דעם בעפעהל פון מיניסטער פון אינערן, גענומען אויספארשען א רייהע פראצעסען, פון אדמיניסטראטיוו־ארעסטירטע און איז געקומען אין גרויסער פערוואונדערונג און צארן: דער רוב געפייניגטע און פערמויטשעטע האבען געליטען אהן א שום סבה!.

## א נייער פערברעכען.

איינעם א בעאמטען אין דער זעמסטווא פון וואלאקאלאמער איעזד האט מען אבגעזאגט פון דער שטעלע דערפאר, וואס ער האט זיך גע'התמ'ט אויף אנאדרעס צו דער דומא.

## א נייעס מיניסטעריום.

דעם 25־טען מאי האט מען אין די ביוראקראטישע ספערען אין פעטערבורג גערעדט, אז די טעג וועט צוגעשטעלט ווערען א נייעס מיניסטעריום. פון די שטעלעס רעדען אראב: גארעמיקין, סטאליפין און שטשעגלאוויטאוו. מיניסטער־פרעזידענט וועט ווערען סטישינסקי (דער יעצטיגער מיניסטער פון ערד־ארבייט), דער מיניסטער פון ערד־ארבייטער — גורקא און פון אינערן — ביעלגארד. דער לעצטער האט ערשט נישט לאנג מעהר נישט פערוואלטעט איבער דער קאנצעליאריע פון'ם מאסקווער אבער־פאליציימייסטער טרעפאוו.

## וועגען אמנעסטיע.

די צייטונג „סלאווא מעלדעט, אז אין דעם, וואס ווערט נישט געגעבען קיין אמנעסטיע איז שולדיג גארעמיקין אליין. נאר מיט זיין ערלויבניש קאן דער יוסטיץ־מיניסטער צושטעלען א פארטראג וועגען אמנעסטיע. גארעמיקין איז אבער ביז יעצט געגען אמנעסטיע.

און א מארגנע זאך: די מאסקווער אדמיניסטראציע פון די טורמעס גרייט זיך צו אמנעסטיע.

## אחסד.

דער זשיטאמירער גובערנאטאר האט בעקומען א צעדל געהיימען „צירקוליאר“ פון פעטערבורג, אז ער זאל נישט ארויסשיקען די יודען פון די דערפער, נישט קוקענדיג אויף דעם צו זיי האבען רעכט צו וואהנען אין די דערפער צו נייז.

## בעוואוסטזיניגע קאזאקען.

דעם 25־טען מאי איז אין ארענבורג געווען די לויה פון'ם ארבייטער באלאטורין, וואס איז גע'הרג'ט געווארען בעת דער לעצטער הריגה, וואס עס האבען דארט געמאכט די קאזאקען. דעם גע'הרג'טען האט בעגלייט אויס'ן בית־עולם א מאסע פון טויזענדטער מענשען. צווישען די פיעלע בלומען־קראנצען איז געווען אונטערגעשריבען: „דער קרבן פון דער ווילדקייט פון די קאזאקען, פון די בעוואוסטזיניגע קאזאקען, וואס זענען דערשלאגען פון טרויער“.

## א נקמה פון די שווארצע.

די 150 ארבייטער אין אלעקסאנדראווסק, וואס ווערען בעשולדיגט, אז זיי האבען גענומען אנטייל אין א בעוואפענטען אויפשטאנד און וועלכע זענען אין געפאהר, אז זיי זאלען פערורטיילט ווערען צום טויט, מעלדען יעצט דער דומא, אז די גאנצע מעשה איז פון אנהויב ביז'ן סוף פאלש, אז נאכ'ן יודישען פאגראם, וואס איז געווען אין אקטאבער אין אלעקסאנדראווסק, האבען די פאגראמשטשיקעס זיך געוואלט אין זיי נוקם זיין און האבען אונטערגעשיקט פאליציי, וואס האט ביי זיי געפונען אין גאנצען עטליכע רעוואלווערען. פאר דעם קאנען זיי יעצט פערורטיילט ווערען צום טויט!

## פערורטיילטע צום טויט.

פון ריגא מעלדעט מען, אז די 8 פערורטיילטע צום טויט האט מען געפיהרט אויף א דאמפף־שיף אין דער פעסטונג אוסט־דווינסק, וואו מען האט זיי געדארפט הענגען. אין וועג זענען צוויי אראב פון זינען, און איינער פון זיי האט איבערגעביסען א סאלדאט די האנד. איינער איז בענאנען א וועלבסט־מארד און איינער איז אראב געפאלען פון די טרעפ און האט זיך דער'הרג'עט אויף טויט. פון די 8 קרבנות זענען נאר פיער אומגעקומען דורך די הענד פון די סאלדאטען.

## אנ'אגיטאטאר.

דער קאמאנדיר פון'ם 14־טען ארענבורגער קאזאקען־פאלק האט אגיטירט זיינע קאזאקען, אז זיי זאלען מאכען אנ'אנפאל אויף דער רעדאקציע פון דער צייטונג „סטעפ“ און זאלען זי צוטראגען אויף שטיקלעך

## פריי.

אין מאסקווע האבען 40 גאראדאוויע געבעטען, אז מען זאל זיי פריי לאזען פון זייערע שטעלעס. דער גראדאנאטשאלניק האט מסכים געווען צו דעם, נאר מיט א בעדינג, אז זיי זאלען זאלען פריהער אבזיצען א חדש אונטער ארעסט.

## נישט אויסגעפיהרט.

פון קורסק טעלעגראפירט מען: דער גענעראל פון דער דיוויזיע האט אבגעזאגט די פארערונגען פון'ם קאזלאווער פאלק. די סאלדאטען ווילען ווי פריהער נישט געהן אין שטאדט אויף דער וואכט.

# דומא־נייעס.

— דער מיניסטער־געהילף גורקא פערזיכערט, אז דער מיניסטארען־ראט האט פעסט בעשלאסען נאר נישט נאכצוגעבען. קיינער פון די מיניסטארען וועט נישט אראבגעהן.

— נאך די פרייע מאנאטען וועט די רעגירונג צונויפרופען א נייע דומא אויס'ן פרינציפ פון אלגעמיינע וואהל־רעכט.

— די דומאַ רעכנט צו מאַכען אַנ'אנפראַגע בײ'ם קריעגס־מיניסטער און מיניסטער פון אינערן וועגען די געוואַלד־טהאַטען, וואָס די אַדמיניסטראַציע איז בעגאַנגען בשעת'ן איינשטילען דעם מאָסקווער אויפשטאַנד.

— „נ. זש.“ טײלט מיט, אַז דער נאַנצער מיניסטאָרען־ראַט איז שטאַרק נישט צופרידען מיט'ן פרעמיער גאָרעמיקין און פיהרט קעגען איהם אַ מלחמה. אויף דײן אָרט וויל מען אַוועקזעצען קאָקאָווצעוו'ן.

# וואַרשעווער כראָניק.

אין פאָריגען נומער האָבען מיר געשריבען, אַז מען איז אָנגעפאַלען אויף אַ סך מאָנאָפאָל־געוועלבער און אויך זיי אונטערגעצונדען. יעצט רעכענען מיר אויס, וואו דאָס איז אַלץ געשעהן.

אויף נײע וועלט № 12 זענען אַרײן 7 מענשען. די פערקויפערין אַז. טוסאַקאָווסקאַ האָט געמאַכט אַ געוואַלד און עס איז געקומען צו לויפען איהרע אַ שוועסטער. די אָנפאַלער האָבען אויסגעשאָסען און זי פערוואונדעט אין אַקסעל. זיי זענען אַרויסגעלאָפען אָהן געלד, נאָר זיי האָבען אָנגעטראָפען זעלנער, וועלכע זענען געקומען אויס'ן ליאַרם און וועלכע האָבען אויף זיי אויסגעשאָסען. נאָר אין דער זעלבער מינוט זענען בײדע זעלנער געפאַלען, איינער געטראָפען פון 4 און דער 2־טער — פון 8 קוילען. פון די אָנפאַלער איז איינער יוז. וויעץ, אַ בעוואַוסטער אַוואַנטורניק גע'הרג'עט געוואָרען. אויך זענען פערוואונדעט געוואָרען אַ דורכפאָהרענדער אין אַ דראָזשקע און אַ דורכגעהענדער טאָמאַרקעוויטש, וועלכער איז באַלד געשטאָרבען אין שפיטאָל.

אויף וואָלסקע № 47 זענען אַרײן 4 פערזאָן אין האָבען זיך אַוואָרפגעשטעלט צו דער קאַסע, אויסשיסענדיג אין דער אַנטלויפענדער זעמיוטשוק, וועלכע האָט אַ צוה געטהון דעם שופלאַד און האָט אויס געשאָסען דאָס געלד אויס'ן פאָדלאָגע און האָט געמאַכט אַליאַרם. די אָנפאַלער זענען אַנטלאָפען מיט גאָר נישט.

אויף מלינאַרסקע № 16 האָבען 4 פערזאָן צוגענומען 90 רובל, האָבען צוהאַקט די פלעשער און דעם ספירט אונטערגעצונדען

אויף פיענקנע № 41 האָט מען צוגענומען 40 רובל, צובראָכען אַ פלאַש בענזין און אונטערגעצונדען דאָס געוועלב.

אויף נאָוואָבראָדזקע № 12 האָט מען צוגענומען 100 רובל און אונטערגעצונדען; אויף נאָוואָוויעלקאַ № 27 — צוגענומען 39 רובל און אונטערגעצונדען; אויף קראַק. פאָרשטאָדט № 60 — צוגענומען דאָס גאַנצע געלד פון דער קאַסע; אויף סוו. קרזשיסקע האָט מען צוראַבירט דאָס געוועלב און אונטערגעצונדען. אויף צעגליאַנע — צוגענומען דאָס גאַנצע געלד; אויף סענגאַ — צוגענומען 130 רובל; אויף זשיטניע — צוגענומען דאָס גאַנצע געלד. אויף האָזשע № 53 — צוגענומען 70 רובל געלד און אויף 30 רובל בראָנפען; אויף חמיעלנע № 104 — צוגענומען 30 רובל; אויף דזעלנע 16 האָבען זיי קיין געלד קײן צײט נישט געהאַט צוצונעהמען, נאָר 3 פלאַש בראָנפען.

אויף דער קעמפנע נאַס № 12 אין פראַגע — צוגענומען 30 רובל, צוראַבירט אַלץ אין דער וואָהנונג פון דער פערקויפערין, צובראָכען אין געוועלב פיעל פלעשער מיט בראַנפען, אויסגעגאָסען אויפ'ן פאָדלאָגע אַ שטאַרקע פליסינג און עס אונטערגעצונדען. די גאַנצע צײט איז איינער פון די חברה געשטאַנען אין טהיר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד און קײנעם נישט אַרויסגעלאָזען.

אויף סטאַליאָווע № 1 — צוגענומען 70 רובל, פערוואונדעט געוואָרען דורך די אָנפאַלער דער פערקויפער ביעדליעוויטש, זײן טאָכטער אָלגאַ, דער סטרוזש פון הויז מאַטיקאָ, אַ זעלנער קאַליאַנאָוו און אַ דורכגעהענדער וויערזשבאָווסקי. ווען די אָנפאַלער זענען אַנטלאָפען האָט אַ קאָזאַקען אָפיצער אויסגעשאָסען און האָט איינעם דער'הרג'עט, אַ צווייטען האָט מען געכאַפט. אויך האָט אַ זעלנער דער'הרג'עט אַ דורכגעהענדען מיט'ן שווערד.

אויף פאַנסקאַ № 20 — צוגענומען 480 רובל און צובראָכען פלעשער מיט שנאַפס.

אויף דאָברע № 23 — צוגענומען 100 רובל און צובראָכען פלעשער אויף 40 רובל; אויף דזיעלנע № 81 נאָר צובראָכען אויף 20 רובל שנאַפס.

איבערהויפט איז צו בעוואונדערן, דאָס די אַלע אָנפאַלען און אונטערצינדונגען זענען געשעהן ווי אַנ'אָפגערעדטע זאַך אין איין צײט צווישען 5 און 6 אַ זייגער פאַרנאַכט.

(ש) (וועגען אָבצאָהל). די ווירטסלײט, וועלכע זענען שולדיג פערשיעדענע אָבצאָהלונגען און אויף וועלכע דער מאַגיסטראַט האָט בעקומען געריכטס־ווירקען אויף צו פערקויפען די הײזער דורך אַ ליציטאַציע, האָבען בעקומען מודעות פון מאַניסטראַט, אַז מען גיט זיי צײט 2 וואָכען צו בעצאָהלען די חובות און ווער עס וועט אין דער צײט נישט אַרײנטראָגען דאָס געלד, וועט זײן הויז געהן אויף ליציטאַציע.

(פונ'ם געריכט). נעכטען בײ נאַכט האָט זיך אין ציטאַדעל געענדיגט דער משפט וועגען דעם אָנפאַל אויף דער גמינע קאַסע אין וויסקיטקי. פון די 13 בעשולדיגטע האָט מען 9 פריינעשפראָכען און 4 — אַ. נאָוואַקאָווסקי, ע. ווײנעראָוויטש, אַל. דאָמאַנסקי און יוז. יאַראָנאָווסקי זענען פערורטײלט געוואָרען צום טויט דורך הענגען.

(ש) (בילינער אויסלענדישע פעסער). שבת האָט די היגע פאַספאָרטען־אָבטיילונג בעקומען אַ טעלעגראַפישע ידיעה פון פעטערבורג, אַז מען זאָל נישט נעהמען מעהר ווי 5 רובל אויפ'ן רויטען קרייץ און פון שבת אָן האָט מען שוין גענומען צו 20 רובל פאַר אַנ'אויסלענדישען פאַספאָרט.

(ש) דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט האָט אַנערקענט, אַז אַזוי ווי מען בויט יעצט אויף וויטקאָווסקי פלאַץ נײע האַלעס, קאָנען זיך די פוהרען מיט שפײז־מיטלען, וועלכע פלעגען זיך פריהער דאָרטען אָבשטעלען, יעצט אָבשטעלען אין יערוזאַלימסקער אַלעע.

(ש) די פראַנציסקאַנער גאַס פון נאַלעווקי ביז נאָוואָליפקי גאַס איז פערשפאַרט פאַר פאָהרענדע צוליעב דעם, וואָס מען לעגט דאָרט אַ נײעם ברוק.

(בעפרײט). נעכטען זענען בעפרײט געוואָרען פון 4־טען פאָרט די ברודער הענריק און אַרטור קרול, גרזשיבאָווסקאַ 61, וועלכע מען האָט אַרעסטירט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע נאָך דעם אָנפאַל אויף קאָנסטאַנטינאָוו.

# טעלעגראַמען.

ביאַליסטאָק. 28/5. אייניגע פאַבריקאַנטען און האַנדעלספירמען האָבען בעקומען מעלדונגען פון די אויסלענדישע האַנדעלסהײזער, אַז זיי הערען אויף „דערהײלען“ מיט זיי די געשעפטען צוליעב די אונבעשטימטע לאַגע פון רוסלאַנד. (ראַ).

## אַ קאַנדידאַט אויף אַ נײען אמעריקאַנישען פרעזידענט.

בערלין 28/5. פון ניו־יאָרק מעלדעט מען, אַז דער קאַנ־

דיראט פון די רעפובליקאנער אויף א פרעזידענט איז רוזוועלט און פון די דעמאקראטען פון עטליכע שטאטען איז ברייאן. מען זאגט, אז דער לעצטער וועט געוויס אויסגעוועהלט ווערען. (רא).

## דער מאסקווער גראדאנאטשאלניק איז מבאר דעם מאניפעסט פון די ארבייטער דעפוטאטען.

מאסקווא 28/5. דער מאסקווער גראדאנאטשאלניק האט א-רויסגעלאזט אנ׳אויפרוף צו דער בעפעלקערונג, וואו ער ערקלערט דעם מאניפעסט פון די ארבייטער־דעפוטאטען פון דער דומא, וועל-כען זיי האבען ארויסגעלאזען צו די ארבייטער. ער ווייזט אויף, אז דער מאניפעסט טייטשט נישט גוט אויס די פאקטען. די רעגירונג האט זיך ניט אבגעזאגט צו זארגען פאר די ארבייטער און פאר די פויערן. אדרבא, די רעגירונג האט בעשלאסען צו פערבעסערען די ארבייטס־לאגע פאר דער גאנצער בעפעלקערונג. צום סוף איז דער גראדאנאטשאלניק מודיע, אז צו קיין שום אונארדנונגען וועט ניט דערלאזט ווערען. (רא).

הארקאוו 28/5. אין דער טודעבנע פאלאטע קומען יעצט פאר משפטים וועגען די אגרארע אונרוהען. אין פאל, אז מען וועט אויף איינעם ניט קאנען דערווייזען דעם שולד, וועלען די אנגעקלאגטע פריינעשפראכען ווערען אדער זיי וועלען פער׳משפט ווערען צו א קליינעם שטראף. (רא).

קיעוו 28/5. אין דארף שאסטקע קומט יעצט אין קריגס־געריכט פאר א פראצעס איבער 14 פויערן, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין א בעוואפענטען אויפשטאנד. (רא).

## אנפאלען.

טיפליס 28/5. אין שטאדט־לאמבארד האבען 5 בעוואפענטע יונגע־לייט צוגענומען 600 רובל און האבען גע׳הרג׳עט דעם וועכטער.

אויף עריוואנער פלאץ האט אנ׳אונבעקאנטער מענש געשאסען אין פאליצמייסטער מארטינאוו. נאר ער האט איהם ניט גע-טראפען. געכאפט האט מען איהם ניט. (רא).

טיפליס 28/5. דער נאמעסטניק האט אבגעזאגט די ביטע אראבצונעהמען דעם קריגס־צושטאנד פון גארי און דושעט. (רא)

באכמוט 28/5. אויף דער סטאציע דרושקאוו האט מען פערהאלטען אנ׳אונבעקאנטען מענשען מיט א קארב אונלעגאלע לי-טעראטור. ער געהט אין אנ׳אוניפארם פון א סטודענט. די זאוואד־אר-בייטער האבען אבגעשטויסען די זשאנדארמען און דער אונבעקאנטער איז אנטלאפען.

שוין דער דריטער טאג ווי עס געהט אנ׳אונגעהויער רעגען.

## קלאנגען וועגען א נייעם קאבינעט.

פעטערבורג 28/5. לויט די ידיעות, וועלכע האבען זיך פערברייטערט אין דער פרעסע, ווערט עס בעשטעטיגט, אז דער יעצטיגער קאבינעט ניט זיך אן אין דימיסיע. אויף א בעזונדער בע-ראטונג, וועלכע איז פארגעקומען אין פעטערהאף, האט מען גע-שמועסט, אז אין דימיסיע זאלען זיך אנגעבען נאר עטליכע מי-ניסטארען און די איבריגע זאלען בלייבען. נארעמיקין, וועל-כער איז אויך געוועזען אויף דער בעראטונג, האט נאר אויסגעדריקט זיין וואונש זיך אנצוגעבען אין דימיסיע נאך דעם 15־טען יוני. (ב. ב.).

פעטערבורג 28/5. די ביטע פון די דעפוטאטען פון דער נאסור. דומא אויס׳ן נאמען פון קייזער וועגען אבשאפען טויט־שטראף האבען אונטערגעשריבען מעהר ווי 160 דעפוטאטען. אין דער דומא האפט מען, אז די ביטע וועט ערפילט ווערען. (ב. ב.).

## טאג־מאטיווען

X.

ווען איך בין געווען א גימנאזיסט און האב זיך פערליבט, פלעג איך גאנצע טעג זיצען מיט בלומען. פליקענדיג איין בלעטעל נאכ׳ן אנדערן, פלעג איך טרעפען:

„זי ליבט; ליבט נישט; ליבט, ליבט נישט“...

דער איצטיגער רוסלענדישער אונטערטאן — אין ענגלאנד איז יעדער א בירגער, אין רוסלאנד — נאר א אונטערטאן — שפילט זיך אויך אזוי. א גאנצען טאג זיצט ער פערקומערט און ציפט פון זיין ארימען מוח איין געדאנק נאכ׳ן אנדערן, פרעגענדיג:

„מען וועט צוטרייבען; מען וועט נישט צוטרייבען; מען וועט צוטרייבען; מען וועט נישט צוטרייבען“....

די ביוראקראטיע האלט אין איין רייסען קעפ פון די קראמאל-ניקעס . זי וויל אויך טרעפען:

„ווער וועט זיגען?“

„איך... די קראמאלע.. איך... די קראמאלע..“

אלע מענשען האבען איין נאטור.

Octava.

(מארדטהאטען). פארגעסטערן האט מען פון אווענד דער-שאסען אין „באר „וואלדשלעסכען“ אויף מארשאלקאווסקע איינעם ב. רודאמין, ביי וועלכען מען האט געפינען א צעטעל פון געלד פאר די ארגאניזאציע פ. פ. ס. און א רעוואלווער מיט 16 קוילען. די פאליציי האט געמאכט א רעוויזיע ביי איהם אין וואוינונג אויף וויעלקע נומער 18.


# דער וועג ערשיינט 2 מאל אין טאג.

די אבאנענטען בעקומען ביידע בלעטער מיט אלע ביילאגען.

אבאנעמענטס־פרייז: 1 חודש 60 קאפ׳, 3 חדשים 1,75; א האלב יאהר 3.50, א יאהר 7 רובל.

אבאנעמענט יוני־יאנואר: די וועלכע וועלען איינשיקען דירעקט אין די רעדאקציע 3.50 רובל וועלען בעקומען דאס בלאט מיט אלע ביילאגען פון 1 יוני ביז 1 יאנואר. אין איינצעלע פערקויף קאסט דער מארגען־נומער „וועג“ צוזאמען מיט דעם נעכטיגען אבענד נומער 3 קאפ׳. אין ווארשא און אין די נעהנטע שטעדט פערקויפט מען דאס אבענד־בלאט עקסטרא פאר 1 קאפ׳.

די אדמיניסטראציע פון „וועג“.


Redaktor Sz. G. Pryłucki. Wydawca: Towarzystwo „Jeszurun“, „Drukarnia Nakładowa“, Pańska 20.